# וכל מאמינים

## א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

חג הסוכות תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 453



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
מהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר ג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


# פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## די ד' מינים – א בקשה אויף רעגן

אין יו"ט סוכות ווערט די וועלט גע'משפט אויף די וואסער, און עס ווערט באשטימט די רעגן פון די קומענדיגע יאר (ר"ה טז א). די ד' מינים וואס מיר נעמען אין סוכות קומען אלס א געבעט אויף וואסער, און דורך דעם וואס מיר האלטן זיי איז עס ווי מיר דאווענען צו השי"ת, אזוי ווי זיי קענען נישט וואקסן אן וואסער, אזוי קען די וועלט נישט עקזיסטירן אן וואסער. ארבעת המינים שאותם אנו נוטלים בחג באים כריצוי על בקשת המים, (תענית ב ב).

אויף מרן ה'**בית יוסף**' ווערט דערציילט: איינמאל אין יו"ט סוכות האט ער געמאכט הקפות ארום די ציון פון רבי אלעזר בן רבי שמעון ווען ער האלט די ד' מינים אין זיין האנט, פלוצים האט זיך אנגעזען וואלקענעס אין הימל און עס האט אנגעהויבן קומען רעגן. זיין הארץ האט אים אנגעהויבן וויי טון, ווייל די חכמים (סוכה כח ב) האט דאך צוגעגלעכנט די רעגן וואס קומט אראפ אין יו"ט סוכות צו א "עבד שבא למזוג כוס לרבו ושפך לו רבו קיתון [=קריגל] על פניו". אבער דער 'מגיד' וואס איז געווען געוואוינט נתגלה ווערן צו אים מן השמים, האט אים בארואיגט ווען ער האט אים אנטפלעקט אז די רעגן איז געקומען צוליב זיינע הקפות ארום די הייליגע ציון פון רבי אלעזר ווען די ד' מינים וואס קומען בעטן אויף די וואסער זענען אין זיינע הענט, און אויב וואלט ער נאכאמאל ארום גערינגלט די ציון וואלט ווען געקומען רעגן אזוי ווי אין די צייטן פון חוני המעגל (ראה תענית כג א).

'מגיד מישרים' אמור

## די ד' מינים העלפן צו דאווענען מיט כוונה

מיר האבן געלערנט אין א ברייתא (סוכה מא ב): "כך היה מנהגן של אנשי ירושלים, אדם יוצא מביתו [אין יו"ט סוכות] ולולבו בידו, הולך לבית הכנסת לולבו בידו, קורא קריאת שמע ומתפלל ולולבו בידו". **רבי שמעון דייטש**, א תלמיד פון 'חתם סופר', דערציילט אויף זיין רבי וואס האט זיך געפירט ווי די אנשי ירושלים און האט געהאלטן די ד' מינים אין זיין האנט ביזן ענדיגן דאווענען, "און ער פלעגט זאגן, אז די חיבוב המצוה איז גורם צו האבן די ריכטיגע כוונה ביים דאווענען, אזוי ווייט אז יו"ט סוכות דורכ'ן האלטן די לולב פלעגט ער דאווענען מיט מער כוונה ווי אין יום כיפור".

'אמרי שפר' ברכות יז ב

## די סוכה איז 'קולטת' די וואס זענען ראוי

אין דעם פיוט פון דעם צווייטן טאג פון יו"ט סוכות זאגן מיר: "ואנכי [=הקב"ה] היודע ועד, כי עֲמִי קִיימו מצוותיה...". און מען דארף פארשטיין: מצות סוכה זענען מירד אך מקיים בפרסום און אקעגן אלעמען, איז פארוואס פעלט אויס אז הקב"ה זאל עדות זאגן אז מיר האבן עס מקיים געווען?

זאגט דער '**שם משמואל**': כאטש עס זעט אויס אז גאנץ כלל ישראל זענען מקיים דאס זעלבע די מצוה פון סוכה, אבער אין אמת'ן נעמט נישט די סוכה אויף אלעמען גלייך. אזוי ווי חז"ל זאגן (סנהדרין קח ב) אויף 'תיבת נח', אז די תיבה האט נישט אריינגעלאזט די בהמות וואס מען האט געטון מיט זיי א עבירה, אזוי אויך די קדושה פון סוכה איז דוחה די וואס זענען נישט ראוי אריינצוגיין אין איר. אבער, אנדערש ווי נח'ס תיבה וואו עס איז געווען קענטיג פאר אלעמען, ביי די סוכה איז עס נישט קענטיג פאר אלעמען; אלע גייען אריין אין סוכה, אבער וואס מער דער מענטש איז ראוי צו דעם, אלץ מער פילט ער זיך באקוועם צו זיצן אין איר. דער וואס פילט נישט ליידער א פארגעניגן פון זיצן אין סוכה, איז א סימן אז די קדושת הסוכה האט אים נישט אריינגעלאזט אין איר.

'שם משמואל' סוכות תרע"ג

# פתחו שערים

## די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

## בל תהי מצוות אמן קלה בעיניך

זיצן אין סוכה ווערט אנגערופן אין לשון פון זוהר הקדוש (אמור קג א) "בצילא דמהימנותא" - אין די שאטן פון אמונה, און דאס איז נישט אומזינסט. אוועקגיין פון א קביעות'דיגע וואוינונג צו א צייטווייליגע דירה איז א דעקלאראציע אז דער מענטש זאל זיך נישט פארלאזן אויף זיין פארמעגן, נאר זיך פארלאזן אינגאנצן אויף די השגחה פון השי"ת.

אין ליכט פון דעם פארשטייט זיך אליינ'ס דער טיפער קשר צווישן די מצוה סוכה און די מצוה פון אמן - יסוד האמונה, וואס מערקט זיך אן אין דעם וואס 'סוכה' איז גימטריה 'אמן'.

רבי יעקב יוקב עטלינגער בעל 'ערוך לנר', הייבט אן זיין ספר 'בִּכּורי יעקב' (על הלכות סוכה ולולב) מיט די פאלגנדע ווערטער: "ישמחו הישרים ויגילו האשורים, אף דלי נחלת ישראל, בחג הקדוש הזה הנקרא 'יום שמחתנו' ושמחתו מכופלת. **ויזהרו מאוד לקיים מצות סוכה שמספר [גימטריה] שמה צ"א, כמספר שני שמות הקדושים שכוללם 'אמן', וקדושתה מכופלת והמקיימה כהלכתה יכפלו שכרו מן השמים**".

וויבאלד דער פאקט אז 'סוכה' איז גימטריא 'אמן' ווערט געברענגט אין אסאך ספרים, ווען מיר אין דעם ארטיקל פרובירן זיך פארטיפן אין די קשר און שייכות צווישן די מצוה פון אמן און די מצוה פון זיצן אין סוכה, און מיר וועלן אויך אויספירן וואס מיר דארפן זיך לערנען איבער די מצוה פון ענטפערן אמן.

קודם כל, אזוי ווי זיצן אין סוכה 'בצילא דמהמנותא' איז מחזק די אמונה אין אונזערע הערצער, אזוי אויך ענטפערן אמן איז צו פארשטארקן די אמונה אין אונזערע הערצער, און ווי רבנו בחיי איז מאריך אין זיין פירוש על התורה (שמות יד לא). אויסער דעם: די סוכה איז צוזאם געשטעלט פון ווענט און סכך; די 'סכך' וואס איז גימטריה מאה, איז מרמז אויף די מאה ברכות וואס מיר זענען מחויב צו זאגן יעדן טאג, און 'סוכה' וואס איז גימטריה 'אמן' איז מרמז אויף אמן. אזוי ווי די 'סכך' ליינט זיך אן אויף די סוכה, אזוי אויך די 'אמן' באפעסטיגט און שטעלט אוועק די ברכה, און אן דעם איז די ברכה נישט בשלימות.

דעם פייערליכן נוסח 'רשות', מיט וועלכן מיר רופן דעם 'חתן בראשית' זאל קומען עולה זיין צו די תורה אין שמחת תורה, ענדיגן מיר מיט די ווערטער: "אמן יענו אחריך הכל מהרה". האבן מיר דא א רוף פארן ציבור ווען דער יו"ט סוכות ענדיגט זיך: אין לויף פון יו"ט סוכות האבן ענק מהדר געווען אין די מצוה פון סוכה, און מיט דעם אריינגעברענגט אין הארץ די אמונה אין ה', דעריבער מאכט זיכער ווייטער ממשיך זיין און באפעסטיגן די אמונה דורך די טאג-טעגליכע מצוה וואס איז געמאכט געווארן אויף דעם - די מצוה פון ענטפערן אמן.

אויף דעם זעלבן נוסח פון דער פייטן וואס רופט אויס: "בל תהי מצות סוכה בעיניך קלה - כי כל מצות-דת כחוקותיה שקולה", וועל איך אויך פארענדיגן די ארטיקל מיט א רוף: "בל תהי מצות עניית אמן בעיניך קלה!". מיר וועלן אריינגעמען אין זיך און געדענקען אז די סודות פון אמן זענען זייער טיף, און צוליב דעם וועלן מקפיד זיין צו ענטפערן אמן אויף יעדע ברכה.

אויב מיר וועלן זיין אין די בחי' פון 'צדיק שומר אמונים', וועט הקב"ה זיכער עפענען די טויערן צו אונזער תפלה, אזוי ווי מיר בעטן ביי די הושענות: "תענה אמונים שופכים לך לב כמים", און דער אויבערשטער וועט אונז געבן א גוטע און גליקליכע לעבן. אמן ואמן.

**מיט א רוף "אמן יענו אחריך הכל מהרה"**
**א פרייליכן יו"ט**

יעקב דוד מארמארשטיין

# מעשי אמונים

א וועבנטליבער ערציילונג אויף אמן און תפילה

## די ברודער וואס האבן זיך באגעגנט אין די אתרוגים-פעלד

דאס איז געווען אין די יארן נאך דער צווייטער וועלט'ס קריג. איטשע איז אנגעקומען קיין שווייץ, א צוואנציג-יעריגער בחור א איבערלעבער פון די לאגערן, 'אוד מוצל מאש', וואס איז געבליבן אליין אויף דער וועלט נאך די מלחמה, ווען ער האט גארנישט אין זיין וועלט, נאר זיסע זכרונות פון די פארגאנגענהייט, און א גרויסע ברענענדיגע אמונה וואס מיט דעם האט ער אנגעהויבן אויפבויען זיין לעבן פון דאסניי.

איטשע האט אויפגעשטעלט א לעכטיגע אידישע הויז און עס איז אים געבוירן געווארן וואוילע קינדער. זיין פרנסה האט ער געצויגן פון ארבעטן אין א גרויסן פרדס פון אתרוגים וואס איז איינגעפלאנצט געווען אין איטאליע. צוליב זיין ארבעט האט ער זיך געדארפט אויפהאלטן יעדע יאר עטליכע חדשים אוועק פון שטוב אין א שווערע ארבעט, אבער איטשע האט זיך מיט דעם געפריידט, ווייל ער האט געקענט אויסנוצן רוב חדשים פון יאר צו לערנען תורה.

כאטש זיין פרנסה איז געווען ענג, האט איטשע זיך קיינמאל נישט באקלאגט. פון זיין זייט האט אים גארנישט געפעלט, און אויב ער יא געדארפט עפעס, האט ער זיך באלד געווענדן צום רבונו של עולם, און צו אים זיך געבעטן ווי א זון צו זיין פאטער, און איז געהאלפן געווארן.

ווי עס קוקט אויס, איטשע'ס לעבן איז געפארן על מי מנוחות. זיינע קינדער וועלכע האבן געטראגן די נעמען פון זיינע קרובים וועלכע זענען גע'הרג'עט געווארן ביים חורבן, זענען געווען זיין טרייסט אויף דעם פארגאנגענהייט וואס איז פארשוואונדן, אבער איין וואונד אין זיין זעהל האט זיך נישט געוואלט פארהיילן; איטשע האט געהאט א צווילינג ברודער מיטן נאמען יענקל, ביים אנהויב פון חורבן האבן זיי זיך צעשיידט, און פון דעמאלט אן האט איטשע גארנישט געהערט פון אים. אבער זיין הארץ האט געגלייבט - אן קיין שום ערקלערונג - אז יענקל לעבט, און ער האט נישט אויפגעהערט פון זיך בענקען. ביים דאווענען האט ער געקענט בארואיגן זיין בענקשאפט; טראץ די יארן וואס זענען אריבער האט איטשע זיך נישט מייאש געווען, און ביי יעדע תפלה פלעגט ער דערמאנען זיין ברודער און געבעטן פון השי"ת ער זאל זיך צוריקקערן און זיך פאראייניגן.


א אתרוגים-פעלד

דאס איז געווען אין איינע פון די יארן, ערב יו"ט סוכות. איטשע איז געשטאנען אין רייע צו קויפן א טיקעט אין דער באן סטאנציע אין איטאליע, און זיין הארץ איז געווען פיל מיט התרגשות אין בעפארברייטונג פון אנקומען אין שטוב נאך עטליכע חדשים פון נישט זיין אינדערהיים. איין האנט האט אנגעהאלטן זיין רענצל, און מיט די אנדערע האט ער געהאלטן די פושקע, אין וועלכן עס איז געליגן דער פרעכטיגער אתרוג וואס ער האט פאר זיך אויסגעקליבן. נעכטן נאכט האט ער אריינגעשטיפט טיף אין זיין קעשענע דעם דיקן קאנווערט מיט די געהאלט פון זיין ארבעט.

ווען עס איז געווען זיין רייע, האט ער געבעטן דעם באאמטער א רייזע בילעט קיין שווייץ, ווען ער לייגט אריין זיין האנט טיף אין די קעשענע פון זיין רעקל ארויסנעמען געלט פון די קאנווערט, אבער צו זיין שרעק האט ער נישט געפינען דעם קאנווערט. ער האט פרובירט אין די אנדערע קעשענע, אבער דאס איז אויך געווען ליידיג. די בלוט איז אים אוועק פון זיין פנים. די פרנסה פון זיין פאמיליע אויפן קומענדיגן יאר, אויף וואס ער האט עטליכע חדשים זיך געפלאגט און געשוויצט, איז פארשוואונדן געווארן. דער באאמטער האט געווארט אומגעדולדיג, און זעהענדיג אז דער מענטש אקעגן אים פארזוימט זיך, האט אים העפליך געבעטן, ער זאל ביטע צולאזן א צווייטן.

ערב יו"ט סוכות. איטשע איז געבליבן אליין אין א פרעמדע שטאט, ווען ער האט אפילו נישט דאס ביסל געלט וואס עס פעלט אים אויס ער זאל קענען צוריקפארן צו זיין שטוב. ארום אים זענען געווען נאר גוים. ער האט געטראכט פון זיין משפחה וואס וועט מוזן פייערן דעם יו"ט אן אים, און ער איז געבליבן אליין אן א סוכה און אן כשר'ע עסן; "טאטע טייערער", איז ארויסגעקומען די געשריי פון זיין מויל צו זיין טאטן אין הימל, "ווי קען איך פארברענגען אזא הייליגן יום-טוב אליין צווישן גוים, ווי קען איך עסן אן א סוכה, אן כשר'ע עסן, אן ארבע מינים, וואספארא יום-טוב וועל איך האבן?!".

נאכדעם וואס איטשע האט אין זיינע ווערטער ארויסגעגעבן זיין צער און זארג, האט ער געפילט אז אביסל איז אים גרינגער געווארן. ער איז געווען זיכער אז אזוי ווי השי"ת האט אים ביז יעצט נישט פארלאזט, וועט ער אים יעצט אויך נישט פארלאזן. מיט געשטארקטע טריט איז ער געגאנגען צום נאנטסטן 'פאסט' שיקן א טעלעגראם צו זיין פאמיליע זיי זאלן זיך נישט זארגן אויף אים, ער איז געשטאנען אין די רייע, און מיט אמאל פילט ער א האנט וואס קלאפט אים אויפן אקסל.

ער האט זיך אויסגעדרייט און צו זיין איבערראשונג האט ער געזען א איד מיט א גרויסן שמייכל אויף זיין פנים און א שווארצע קאפל אויף זיין קאפ. ווי ערווארטעט פון צוויי עלנדע אידן וואס האבן זיך באגעגנט אין א פרעמדן לאנד, האבן זיי זיך אויסגעשמועסט וואס ליגט אויף זייער הארץ. איטשע האט דערציילט פאר דעם מענטש וואס האט זיך אידענטיפיצירט אלס דזשאקי איבער זיין צרה, און דזשאקי האט אים מיטגעטיילט מיטן פאקט אז צוליב א סיבה איז ער 'שטעקן' געבליבן אין דעם ארט וואו ער איז געקומען צוליב זיינע געשעפטן, און וועט מוזן פארברענגען דעם יום טוב דא, ווייט פון זיין פאמיליע אין די ווייטע אמעריקע.

"א דאנק דיר וועל איך נישט זיין עלנד", האט דזשאקי זיך געפרייט און פארבעטן איטשע'ן צו פייערן מיט אים דעם יום טוב. "איך האב שוין אויפגעשטעלט א פרעכטיגע סוכה אין מיין חצר, איך האב אסאך כשר'ע עסן, און איך האב אויך מיטגעברענגט די ארבעת המינים מיט מיר" - האט ער אים בארואיגט.

איטשע האט זיך געאיילט צו שיקן דעם טעלעגראם צו זיין ווייב, צולייגנדיג אויף דעם וואס ער האט געפלאנט צו שיקן, אז זי זאל זיך נישט זארגן ווייל בחסדי שמים וועט ער קענען פייערן דעם יום-טוב מיט פראכט.

די צוויי האבן פארלאזט די 'פאסט' אפיס גראד צו די פרעכטיגער מאשין וואס האט געווארט אויף דזשאקי ביים טיר, און נאך א קורצע וועג זענען זיי אנגעקומען אין א שיינע הויז, וואס צו זיין גרויסן וואונדער איז עס נאנט געווען צו די אתרוגים-פעלד וואו ער האט געארבעט. ווייזט אויס, אז דזשאקי האט לעצטנס אפגעקויפט דעם אתרוגים-פעלד און איז געווען זיין באלעבאס אונטער וועמען ער האט געארבעט.

יו"ט ביינאכט האט ער פארברענגט אין די הויז, אדער די פאלאץ, פון זיין נייעם פריינד. עס האט גארנישט געפעלט אויסער זיין משפחה-מיטגלידער וואס צו זיי האט ער זיך געבענקט. די סעודה אין די סוכה איז געווען פול מיט דברי תורה, זמירות ותשבחות, און נאך ברכת המזון זענען זיי ביידע געשלאפן אין סוכה. אינדערפרי זענען זיי אויפגעשטאנען און זיך צוגעגרייט צו דער מצוה.

נעכטן נאכט ווען זיי האבן גערעדט, האט דער בעל הבית פארגעשלאגן אז די ארבעת מינים זאלן זיי נעמען בשותפות: דער אתרוג וועט זיין איטשע'ס מהודר'דיגע אתרוג, וואס ער האט אויסגעקליבן פון צווישן טויזנטער אתרוגים וואס זענען אריבער זיינע הענט, און די אנדערע דריי מינים וועלן זיין פון דער בעל הבית.

יעצט, ווען ער האט זיך צוגעקוקט ווי דער בעל הבית נעמט ארויס די מינים פון זייער האלטער, האבן איטשע'ס אויגן באמערקט א מאדנער זאך און זיין קערפער האט אנגעהויבן ציטערן. דער בעל הבית האט א קוק געטון אויפן גאסט וואס האט געטוישט פארבן און געציטערט, און האט נישט פארשטאנען פארוואס.

מיטאמאל האבן איטשע'ס ליפן אנגעהויבן צו זינגען די ווערטער פון די משנה (סוכה ג ח): "אמר רבי מאיר מעשה באנשי ירושלים שהיו אוגדין את לולביהן בגימוניות של זהב", און צו זיין וואונדער האט דזשאקי מיטגעזינגען די ניגון.

די צוויי האבן זיך אנגעקוקט איינעם דעם צווייטן מיט פארוויינטע א°גן, צוביסלעך האבן זיי פארדייט דעם אפטייטש פון דעם; איטשע האט זיך דערמאנט פון זיין פאטער, וואס פלעגט איינבינדן דעם לולב, די הדסים און ערבות מיט א גאלדענעם בענדל, ווען ער ברומט זיך אונטער דעם דערמאנטן ניגון, און אויך דזשאקי האט זיך פון דעם דערמאנט...

דזשאקי'ס אויגן האבן זיך פארמאכט, און זיך געעפנט הערנדיג די קלאפ; איטשע'ס אתרוג איז ארויסגעפאלן פון זיינע הענט און איז אראפגעפאלן אויף דער ערד, ווען איטשע איז אויך נאכדעם אראפגעפאלן.

דזשאקי האט זיך אראפגעבויגן צו אים מיט גרויס שרעק, און פלוצים האט ער אויך פארשטאנען...

"איטשעלע! מיין ברודער! איך קען עס נישט גלייבן! עס קען נישט זיין!" - האט ער געשריגן. "יא, יענקל'ע, דאס בין איך!", האט איטשע צוריק געזאגט מיט א ציטערדיגע שטימע.

די גאלדענע רינגל, איין רינגל אין דער קייט פון די דורות, האט פאראייניגט די הערצער וואס זענען געווען פול מיט בענקשאפט און תפילות. די וואונדערליכע השגחה האט צוריקגעקערט א ברודער צו א ברודער און א זון צו זיין פאטער. איטשע און יענקל האבן זיך באגעגנט, און זיך מער קיינמאל נישט אפגעשיידט.

עלון 'ממשנתה של תורה' סוכות תשע"ו

"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".

# די תפילות אין 'הושענא רבה'

## ביום הושענא רבה יחתמון

דער טאג 'הושענא רבה' איז באקאנט פון דורי' דורות אלס א גרויסער און דערהויבענער טאג. אזוי ברענגט דער 'מטה משה' (תתקנז) אין נאמען פון מדרש חכמים: "ולמה נקרא שמו הושענא רבה? אמר הקדוש ברוך הוא לאברהם: "אני יחיד ואתה יחיד, אתן לבניך יום המיוחד לכפר בו עוונותם, וזהו 'הושענא רבה'". נאך ווערט דארט געברענגט אין נאמען פון מדרש: "אמר לו הקדוש ברוך הוא לאברהם: אם אין כפרה לבניך בראש השנה, יהיה ביום הכפורים, ואם לאו יהיה בהושענא רבה... און די סוד החתימה איז אין די נאכט פון הושענא רבה און נישט אין יום הכפורים".

דער 'מנחת אלעזר' שרייבט ('שער יששכר' מאמר יום ערבה אות ט) אז זייענדיג אין בערלין האט ער געזען אן אלטן כתב יד פון א מחזור אויף ראש השנה, אין וועלכן עס שטייט א נוסח וואס לויט דעם זאגט מען אין דער פיוט 'ונתנה תוקף': "בראש השנה ישפטון וביום כפור יכתבון וביום הושענא רבה יחתמון". דער נוסח ווערט שוין דערמאנט אין פירוש רבי' מנחם ריקאנטי' על התורה (פרשת שלח).

## דער טאג פון מסירת הפתקין

אין זוהר הק' ווערט דערמאנט דער טאג אלס דער טאג וואס מען ענדיגט דעם דין און מען געבט איבער די קוויטלעך, און דאס איז דער לשון (צו לא ב): "ביומא שביעאה דחג הוא סיומא דינא דעלמא [עס ענדיגט זיך דער משפט פון דער וועלט] ופתקין נפקין מבי מלכא [און די קוויטלעך גייען ארויס פון בית המלך]".

רבי חיים וויטאל ערקלערט אזוי' דאס ענין פון איבערגעבן די קוויטלעך אין הושענא רבה ('שער הכוונות' ענין סוכות דרוש ו): "דער עיקר דין וואס די וועלט ווערט גע'משפט אין הושענא רבה, איז אז די קוויטלעך וואס זענען גע'חתמ'עט געווארן ביי נעילה פון יום כיפור, די וואס האבן נישט תשובה געטון די אלע טעג אינצווישן - פון יום כיפור ביז הושענא רבה - און זיי ווערן איבערגעגעבן פאר די שליחים אויספירן די דין און משפט פאר די וואס זענען שולדיג. אבער כאטש די קוויטלעך זענען איבערגעגעבן געווארן אין זייערע הענט, האבן זיי נישט קיין ערלויבעניש אויספירן דעם אורטייל און שטראף וואס איז געשריבן אין די קוויטלעך ביז שמיני עצרת, כדי צו געבן נאך צייט פאר די זינדיגע זאלן תשובה טון אין הושענא רבה, און אויב זיי וועלן תשובה טון, וועלן זיי צונעמען די צעטלעך פון זייערע הענט". ענדיגט רבי חיים וויטאל: "דער מענטש דארף זייער אכטונג געבן אינזין האבן ביי די תפילות פון הושענא רבה און אין אלע זיינע מעשים אין דעם טאג, ווייל דעמאלט האט ער נאך א תקנה, און דערנאך האט ער נישט קיין תקנה".

## דער טאג פון די וואס זענען דומה צו ערבה

דער טעם פארוואס די חכמים רופן אן (מדרש תהילים יז ה) דעם זיבטן טאג פון יו"ט סוכות מיטן נאמען 'הושענא רבה' ערקלערט דער 'שפת אמת' (סוכות תרנ"ז): אין גמרא (סוכה מב ב) ווערט דער טאג אנגערופן 'יום שביעי' של ערבה', ווייל מען נעמט די ערבה אליין. עס איז באקאנט אז די ערבה וואס האט נישט קיין טעם וריח איז מרמז אויף די מענטשן וואס האבן נישט תורה און מעשים טובים (ויק"ר ל יב), און ווייל זיי האבן נישט קיין זכות עס זאל אנגענומען ווערן זייער תפילה, ווערט עס אנגענומען ווי א מתנת חינם. לויט דעם, ווייל די חכמים זאגן (שמו"ר מה ו) אז די 'אוצר מתנת חינם' איז די גרעסטע אוצר, דעריבער רופן זיי אן דעם יום הערבה מיטן נאמען 'הושענא רבה', וואס דאס מיינט: 'א גרויסע ישועה'.

מיט דעם יסוד ערקלערט דער 'ארץ צבי' (מועדים עמ' קמ), אז די ווערטער פון זוהר אז די 'ימי' הדין ענדיגן זיך אין 'הושענא רבה' איז נישט קיין סתירה צו וואס עס שטייט אין גמרא (ר"ה טז א) אז די גמר דין פון א מענטש איז יום כפור; ווייל יום כפור ווערט די מענטש גע'משפט לויט זיינע מעשים. אבער אויך דער וואס איז נישט ראוי' מצד זיינע מעשים, ווייל ער איז אין די בחי' פון 'ערבה' - ליידיג פון מצוות און מעשים טובים, ווערט ער נאכאמאל גע'משפט אין הושענא רבה אויב ער איז ראוי' געהאלפן ווערן דורך די 'אוצר מתנת חינם', קומט אויס אז די ענדע פון די דין איז אין הושענא רבה.

נאך א טעם אויף די נאמען 'הושענא רבה' האט ערקלערט האדמו"ר **רבי דוד משה מטשארטקוב** [וואס איז נפטר געווארן הושענא רבה תרס"ד]: ווייל דער טאג איז דער 'יום חיתום הדין', און מיר נויטיגן זיך אין אסאך רחמים כדי עס זאל פארשריבן ווערן אונזער גזר דין לטובה, נעמען די מלאכי' רחמים די צענדליגער טויזנטער 'אמן יהא שמיה רבא'ס...' וואס מיר האבן געענטפערט דורכ'ן יאר, און דאס העלפט אונז, ווייל די חכמים זאגן דאך (שבת קיט ב): "כל העונה אמן יהא שמיה רבא מברך בכל כחו - קורעין לו גזר דינו". וועגן דעם רופט מען אן דעם טאג 'הושענא רבה', ווייל אין דעם טאג ווערן מיר געהאלפן אין זכות פון 'אמן יהא שמיה רבא...' ('ארחות אהרן' הושענא רבה).

## א 'גילוי' פון די שפעטערדיגע דורות

נאכדעם וואס מיר האבן זיך דערוואוסט איבער די חשיבות פון דער טאג, פרעגט זיך קשיא אליין: פארוואס אזא וויכטיגע ידיעה ווערט נישט דערמאנט אין גמרא נישט אין בבלי און נישט אין ירושלמי?

ערקלערט רבי' יעקב קאמינעצקי: אויב וואלט מען דאס געוואוסט אין די פריערדיגע דורות, וואלטן זיי זיך נישט געקענט פרייען, ציטערדיג פונעם יום הדין. דעריבער אין די פריערדיגע צייטן איז נישט באקאנט געווען די מעלה פון דער טאג, אויסער יחידי' סגולה - "חסידים ואנשי מעשה, שיש בכוחם לשמוח בשמחת החג מבלי להיבטל מאימת הדין". אבער דערנאך וואס די חכמים האבן געזען אז צוליב די' ירידת הדורות איז די יראה פארוויינערט געווארן, און אויך די וואס ווייסן פון די גרויסקייט פון הו"ר ווערט נישט צושטערט זייער שמחה אין יום טוב, האבן זיי דאס אנטפלעקט פאר אלעמען. ('אמת ליעקב' אמר).

נאך ערקלערט הגרש"ז אויערבאך: אין די פריערדיגע דורות, איז געווען גענוג צו לערנען די משנה (ר"ה טז א) "ובחג נידונים על המים", כדי מעורר זיין דעם מענטש זאל דאווענען און בעטן ווי עס דארף צו זיין אויף וואסער, און די תפילה האט געהאלפן אויך אויף די כלליות'דיגע דין וואס איז דא אין דער טאג. אבער ווי מער עס איז דא ירידת הדורות, איז שוין נישט גענוג די ידיעה מעורר זיין צו דאווענען ווי עס דארף צו זיין, און וועגן דעם האט מען צוגעפירט מן השמים עס זאל נתגלה געווארן פאר אלעמען אז אין דער טאג איז די גמר הדין פון דער מענטש ('הליכות שלמה' תשרי - אדר עמ' תל).

# אמן אין לויף פון די יארגאנג

## מצות סוכה איז קלה אזוי ווי 'אמן'

די חכמים (ע"ז ג א) רופן אן די מצוה פון סוכה 'מצוה קלה' ווייל עס האט נישט קיין חסרון כיס. לכאורה דארף מען פארשטיין: אפילו עס איז מעגליך צו מקיים זיין אן עס זאל קאסטן געלט, איז עס אבער פארבינדן מיט א גרויסע פלאג, איז ווי אזוי האט מען עס אנגערופן: 'מצוה קלה'?

זאגט **רבי צבי הירש הורוויץ** דער פראנקפורטער רב:

די גמרא (נזיר סו ב) זאגט "גדול העונה אמן יותר מן המברך". און שטעלט צו זאגן א ברכה צו פשוטע זעלנער וואס גייען ארויס צו באקעמפן דעם שונא אין אנהויב מלחמה, און די אמן צו די העלדישע זעלנער וואס גייען ארויס שפעטער און באזיגן דעם שונא. דער מהרש"א (ח"א שם) ערקלערט אז דאס איז נישט סתם א משל, נאר די גמרא קומט דערמיט ערקלערן וואס עס טוט זיך אפ ביים זאגן א ברכה און ביים ענטפערן אמן: די שפייז פון א מענטש קומט אים אן מיט גרויס שוועריקייט, און ווי חז"ל זאגן (פסחים קיח א): "קשים מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף". ביים זאגן די ברכות באשאפט דער מענטש מלאכי רחמים וואס קעמפן פאר אים קעגן די מקטרגים, אבער ביים ענטפערן 'אמן' ווערן באשאפן שטארקע מלאכים צו געווינען די מלחמה אקעגן די מקטרגים וואס זיי זענען די מלאכי משחית". די סיבה פארוואס דער נצחון איז דוקא דורך אמן, איז ווייל די גימטריה פון אמן איז צ"א אזוי ווי די גימטריה פון די צוויי שמות הק' הוי"ה און אדנ"י אינאיינעם (ראה 'בעל הטורים' דברים כז ו). דער שם הוי"ה איז א רמז אויף מידת הרחמים, וואס איז ממתיק די מידת הדין וואס די מקטרגים זענען מעורר, און דערפאר איז אמן גרעסער פון די ברכה וואו עס ווערט דערמאנט נאר די שם אדנ"י.

מיט דעם קענען מיר פארשטיין פארוואס סוכה ווערט אנגערופן 'מצוה קלה', ווייל אויך 'סוכה' איז בגימטריה צ"א, און וועגן דעם, אנדערשט פון אנדערע מצוות וואס די מקטרגים פרובירן אפהאלטן פון זיי צו מקיים זיין, די נאמען פון מצות סוכה איז מבטל די קטרוגים. דעריבער דער וואס האט אינזין די כוונה בשעת'ן מקיים זיין די מצוה, איז עס אים גרינג צו מקיים זיין. דאס איז אויך מרומז אין די לשון הגמרא (שם): 'מצוה קלה יש לי וסוכה **שמה**", די נאמען פון די מצוה פון סוכה, איז גורם עס זאל ווערן א 'מצוה קלה' ('לחמי תודה' דף רי ע"ב).

## די מקטרגים האבן נישט קיין דריסת רגל

פון דער פסוק (ויקרא כג לד) "חַג הַסֻּכּוֹת שִׁבְעַת יָמִים לַה'", דרש'ענען די חכמים: "כשם שחל שם שמים על [קרבן] החגיגה, כך חל שם שמים על הסוכה". ערקלערט דער 'שם משמואל' אז די פאקט פון "שם שמים חל על הסוכה", איז מרומז אין די נאמען 'סוכה', וואס איז גימטריה צ"א אזוי ווי די גימטריה פון די צוויי הייליגע שמות, "והיא מסובבת מן השמות הקדושים". אויף דעם וואס מיר האבן זוכה געווען אין די גרויסע מצוה לויבן מיר אויף דעם יעדן טאג ביי שחרית אין די ווערטער: "וקרבתנו מלכנו לשמך הגדול". און וועגן דעם שטייט אין זוהר (אמור ק ב): "כיון דיתבו בסכות הא אשתזיבו מן מקטרגא" [=וויבאלד מיר זיצן אין סוכה ווערן מיר געראטעוועט פון דער מקטרג], ווייל די סוכה איז ארום גענומען מיט שמות הקדושים, האבן נישט די מקטרגים קיין דריסת רגל אין איר.

לייגט צו דער 'שם משמואל' וואס ער האט געהערט פון זיין פאטער בעל 'אבני נזר', אז דער וואס שלאפט אין סוכה זאגט נישט ביי קריאת שמע שעל המיטה נאר די פרשה פון 'שמע', און טוט אויסלאזן די פסוקים וואס ווערן געזאגט אלס א סגולה געראטעוועט צו ווערן פון די מזיקים, אזוי ווי פסח-ביינאכט וואס איז א 'ליל שימורים' (ראה שו"ע או"ח תפא ב) (**'שם משמואל' סוכות תרע"ג; תרע"ד**).

## ראשי תיבות – אלול

ביי תפילת גשם בעט דער שליח ציבור: "לברכה ולא לקללה" און דער ציבור ענטפערט אמן. זאגט דער טריסקער מגיד אז: "לברכה ולא לקללה, אמן", איז ר"ת 'אלול'. און אזוי אויך: "לשובע ולא לרזון, אמן", און "לחיים ולא למוות, אמן" ('מגן אברהם' רמזי שמיני עצרת).

# צדיק באמונתו

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

## 'פלא יועץ'

### כ' תשרי תקפ"ח



די קאמפלעקס איבער די קבר פון 'פלא יועץ' אין סיליסטרא, בולגאריע

רבי אליעזר פאפו איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי יצחק אין יאר תקמ"ו אין סרייבו, באסניע. שוין אין זיין יוגנט איז ער געווען באקאנט מיט זיין געוואלדיגע פלייסיגקייט און זיינע הנהגות מיט א אויסטערלישע פרישות און טהרה.

אין יאר תקע"א, אין עלטער פון פינף און צוואנציג יאר, האט ער אנגעהויבן שרייבן זיין ערשטן חיבור, 'חודש האביב', וואו דארט האט ער אפגעשריבן זיינע חידושים אויף עטליכע מסכתות הש"ס.

אין יאר תקע"ד איז ער געקרוינט געווארן אלס רב פון דער אידישער קהילה אין דער שטאט סיליסטרא אין בולגאריע, א שטעלע וואס ער האט געטראגן פערצן יאר ביז זיין פטירה.

ער איז בעיקר באקאנט געווארן מיט דעם וואונדערבארן ספר-מוסר וואס ער האט מחבר געווען: 'פלא יועץ', אבער אויסער דעם האט ער מחבר געווען אנדערע ספרים, ווי: 'דן ידין' און 'אלף המגן' על התורה; 'חסד לאלפים' - פסקי הלכות אויף שולחן ערוך אורח חיים, א.נ..

כ' תשרי תקפ"ח, אינמיטן 'יו"ט סוכות', איז דער פלא יועץ אוועק פון דער וועלט אין עלטער פון בלויז צוויי און פערציג יאר, און איז באערדיגט געווארן אויפן אידישן בית-עולם אין סיליסטרא. פארן אוועקגיין האט ער געזאגט אז מ'האט אים מגלה געווען פון הימל, אז א סכנה פון אן עפידעמיע שוועבט איבער זיין שטאט און ער האט זיך אויסגעקליבן זיך מקריב זיין כדי צו מכפר אויף די איינוואוינער פון זיין שטאט.

### דער חיוב איז גרעסער ביי די ברכות השחר

אין זיין ספר 'חסד לאלפים' (מו א) שרייבט דער 'פלא יועץ': די אלע ברכות דארף דער מענטש זאגןווארט ביי ווארט און מיט באזונדערע כוונה, אבער דער "חיוב איז גרעסער" ביים זאגן 'ברכות השחר'. ווייל זיי ווערן געזאגט די ערשטע אנהויב טאג, און ווער עס זאגט זיי ווי עס דארף צו זיין, ווייל "מצוה גוררת מצוה" (אבות ד ב), וועט ער די אלע ברכות אין לויף פון דער טאג זאגן ווי עס דארף צו זיין. דאקעגן דער וואס איז מזלזל ביים זאגן די ברכות השחר, קען ביי אים מקוים ווערן דער מאמר פון די חכמים (שם) "ועבירה גוררת עבירה", אויף די אנדערע ברכות פון דער טאג...

### נאכלויפן די אמן'ס

נאך איז ער מעורר אין זיין ספר 'חסד לאלפים' (נו א) איבער דער ענין פון ענטפערן אמן, און דאס זענען זיינע ווערטער: "עס איז ראוי אז יעדער מענטש זאל פרובירן נאכלויפן און אפווארטן די אמן'ס, און הלואי זאל מען זיך משתדל זיין צו כאפן אמן'ס אזוי ווי אויף א פארדינסט פון עטליכע פרוטות. אויף אזא ענין איז געזאגט געווארן (משלי ב ד): 'אם תבקשנה ככסף וכמטמונים תחפשנה אז תבין יראת ה'".

### דער וואס זאגט ברכות בקול רם איז מזכה את הרבים

אין באציאונג צו זאגן די ברכות בקול רם, שרייבט דער פלא יועץ: דער וואס זאגט זיינע ברכות בקול רם כדי מזכה זיין די צוהערער מיט ענטפערן אמן, איז אריינגערעכנט צווישן די מזכי הרבים, וואס אויף זיי זאגן די חכמים (אבות ה יח): "כל המזכה את הרבים - אין חטא בא על ידו". און לויט די גרויסקייט פון דער מצוה, ווערט גרעסער דער שכר פון דעם מזכה, און עס איז דאך באקאנט אז חז"ל זאגן (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך" ('פלא יועץ' ערך מזכה).